**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/9/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו העלפן נאכשפירן און באריכטן דאטע אויף וועטעראן זעלבסט-מארד צו העלפן שאפן בעסערע אפהאלט סטראטעגיעס

***לעגיסלאציע (S.02036/A.03237) שטעלט אוועק נאך א מיטל פון נאכשפירן וועטעראן זעלבסט-מארדן אויף צוזאמצונעמען מער אקוראטע דאטע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (S.02036/A.03237) אלס געזעץ איינצופירן נאך א מעטאד פון נאכשפירן וועטעראן זעלבסט-מארדן כדי צוזאמצוקלויבן מער אקוראטע דאטע איבער יענע זעלבסט-מארדן צו בעסער אינפארמירן אפהאלט סטראטעגיעס.

״וועטעראנען שטעלן זיך איין דאס לעבן אונז צו האלטן זיכער, אבער צופיל — ווי צ.ב.ש. מיינע פעטערס וועלכע האבן סערווירט אין וויעטנאם — ווערן נישט געגעבן די אויפנאמע אויפ׳ן זיך אומקערן צוריק אהיים וואס קומט זיך פאר זיי און פאר טויזנטע אנדערע וועטעראנען,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״די לעגיסלאציע וועט פארזיכערן אז ניו יארק האט אקוראטע דאטע אונז צו העלפן אויפפאסן אויף די העלדן, און אונז צו ערמעגליכן צו ארבעטן אויף אפהאלטונג סטראטעגיעס פאר פריצייטיגע אינטערווענץ און העלפן אלע וועלכע האבן סערווירט אין אוניפארם.״

דער נייער געזעץ לייגט צו א נייע אפטייל צו פאראדענען פאר א קאראנער, א קאראנער׳ס דאקטער אדער מעדיצינישע אונטערזוכער צו פייל׳ען א באריכט פאר דער דיוויזיע פון וועטעראנען סערוויסעס נאך סיי וועלכע טויטפאל וואס זעט אויס צו זיין א זעלבסט-מארד דורך עמיצער וואס זעט אויס צו זיין א וועטעראן. דער באריכט דארף געמאכט ווערן אין באראטונג מיט DOH און רעכנט אריין די צאל וועטעראנען וואס זענען געשטארבן דורך זעלבסט-מארד, די צאל זעלבסט-מארדן אין די פארלאפענע 5 יאר, און א פארגלייך פון וועטעראנען זעלבסט-מארדן ראטעס לויט דער קאונטי, סטעיט, און נאציאנאל. דער ערשטער באריכט דארף אריינגעגעבן ווערן ביז יוני 2024 און דערנאך דארפן באריכטן אריינגעגעבן ווערן יעדע 3 יאר.

לויט די פענטעגאָן׳ס יערליכע זעלבסט-מארד באריכט האבן אקטיוו-דינסט מיליטערישע זעלבסט-מארדן געשטיגן צו איר העכסטע צאל אין 2018, מיט א שפרונג פון 13 פראצענט. אום נאוועמבער 2017 איז געשאפן געווארן דער ניו יארק סטעיט זעלבסט-מארד אפהאלט טעסק-פאָרס. דעם פארלאפענעם אפריל האט דער טעסק-פאָרס ארויסגעגעבן אירע געפינסן, וועלכע ווייזן אז וועטעראנען זעלבסט-מארד ראטעס זענען באדייטנד העכער ווי די ראטעס פון נישט-וועטעראנען. איין אלגעמיינע טעמע וואס געפונט זיך אין סיי נאציאנאלע און סיי סטעיט באריכטן איז דער נושא פון די דאטע. איצטיגע דאטע איז אומאקוראט און פעלערדיג, וועלכס שטערט אויף צו קענען פארשטיין דעם פראבלעם אינגאנצן. דער געזעץ וועט העלפן פארבעסערן זעלבסט-מארד אויספארשונג דאטע מעטאדן צוזאמצוקלויבן מער אינפארמאציע אויף וועטעראנען זעלבסט-מארד ראטעס.

**סטעיט סענאטאר דזשאן אי. ברוקס האט געזאגט,** ״מיר ווייסן אז זעלבסט-מארד ראטעס צווישן וועטעראנען זענען באדייטנד העכער ווי די פון נישט-וועטעראנען און ביז אהער זענען פראבלעמען מיט באריכטן דערפון געווען אומאקוראט און פעלערדיג. דורך אונטערשרייבן די לעגיסלאציע אלס געזעץ האט גאווערנער האקול גענומען א גרויסע טריט פאראויס אין פארבעסערן וויאזוי מיר אידענטיפיצירן און אולטימליך אדרעסירן די גייסטישע און עמאציאנעלע ווייטאג געליטן דורך אזוי פיל פון אונזערע פרויען און מענער וועלכע האבן סערווירט אין אוניפארם. איך שטאלציר מיך צו האבן ספאנסירט דעם ביל אין דעם ניו יארק סענאט און איך בין דאנקבאר פאר אונזער גאווערנער פאר פריאריטיזירן די וואוילזיין פון וועטעראנען לענגאויס דעם סטעיט.״

**אסעמבלי-מיטגליד פאמעלא דזשעי. הונטער האט געזאגט,** ״אלס א סטעיט טוען מיר שטענדיג שטרעבן צו בעסער סערווירן אונזערע וועטעראנען. טראצדעם וואס וועטעראן סערוויסעס ווערן כסדר צוגעפאסט לויט ווי עס ענדערן זיך די געברויכן איז אבער די איינע זאך וואס בלייבט די שרעקליכע און אומפראפארציאנעלע ראטע פון וועטעראן זעלבסט-מארדן אין פארגלייך צו די גענעראלע באפעלקערונג. דער ביל פארזיכערט אז מער וועטעראנען זעלבסט-מארדן וועלן ווערן באריכטעט צו דער דיוויזיע פון וועטעראנען סערוויסעס, וועלכס וועט פאר אונז ערמעגליכן צו בעסער אפשאצן פאקטארן ארום וועטעראנען זעלבסט-מארדן און אינפארמירן אונזער אפהאלט סטראטעגיעס. איך לויב גאווערנער האקול פאר׳ן אונטערשרייבן די לעגיסלאציע און פאר איר טריישאפט צו העלפן וועטעראנען אין נויט.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן